# שטרייט איבער ניקור פון גלאט כשר'ע פליישן ווערט אויפגענומען אויף תורה כינוס פון איגוד הרבנים

דער שארפער סכסוך אין רבנ'שע קרייזן איבער דעם ניקור פון די גלאט כשר'ע פליישן וואס האבן דעם הכשר פון רבנים פון דער התאחדות הרבנים. די רבנ'שע ארגאניזאציע פון סאטמאר, איז אויפגענומען געווארן אויף דעם מיד־ווינטער תורה־כינוס וואס דער איגוד הרבנים האט אפגעהאלטן לעצטן זונטאג א גאנצן טאג אין דער שערי ציון שוהל אויף אושען פארקוויי, ברוקלין, מיט'ן אנטייל פון א גרויסן עולם רבנים, תלמידי חכמים, ישיבה־לייט און בעלי בתים.

אין א גרינטליכן אנאליז פון אלע דינים פון ניקור האט דער קייזמארקער רב הרב ר' מאיר גרונבערג, מרא דאתרא פון פועלי אגודת ישראל אין בארא פארק, אנ געוויזן אויף דער נויטווענדיקייט אז די וואס גיבן א הכשר אויף גלאט כשר פלייש זאלן נאכקומען די מנהגים פון אלע קהילות און ניט באנוגענען זיך בלויז מיט די מנהגים פון זייער ספעציפישער קהילה. עס קענען זיין חילוקי דעות און פארשיידענע מנהגים און מען קען ניט מוציא לעז זיין און זאגן אז ביז היינט האט מען געגעסן חלב, אבער מען דארף נעמען אין אנבעטראכט אז די פליישן ווערן גענוצט פון אידן מהדרים וואס שטאמען פון קהילות מיט מער חומרא'דיגע מנהגים און מען דארף דעריבער זיין נזהר נאכצו־קומען אויך זייערע מנהגים.

אין דער דעבאטע וואס האט זיך אנטוויקעלט האבן אנטיילגע־נומען א סך פון די אנוועזנדע, ארויסווייזנדיג גרויס בקיאות אין הלכה, ווי אויך א געמיינזאמען פארלאנג צו שטארקן די אפהיטונג פון כשרות, אנשטאדט דערינדע־ריגן עס אין די אויגן פון דער ברייטער אידישער עפנטליכקייט.

דער כינוס איז איינגעלייטעט געווארן פון טשערמאן הרב סיני האלבערשטאם, רב פון קאנגרע־גיישאן דברי חיים און שרייבער פון דף יומי קאלום אין "אלגעמיי־נעם זשורנאל". ער האט אויסגע־דריקט גרויס באדויערן אויף דער אפוועזנהייט פון הרב אברהם דוב העכט, פרעזידענט פון איגוד הרבנים, וועלכער איז ליידער פארוואונדעט געווארן אין אן עקסידענט ביי זיך אין שטוב און איז אוועקגענומען געווארן אין שפיטאל. אלע פארזאמעלטע האבן געוואונשן הרב העכט'ן א רפואה שלימה און א גיכן צוריקקער צו זיינע פארצווייגטע אקטיוויטעטן.

דאס פראבלעם פון 'הפקעת שערים', פון ארויפגעשריפטע פרייזן אויף כשר'ע פראדוקטן, איז באהאנדעלט געווארן פון הרב ר' חיים דוב גולעווסקי, ראש ישיבה אין ישיבת ר' יצחק אלחנן, וועלכער האט ציטירט פון תז"ל און פוסקים, ראשונים און אחרונים, וועגן די הארבע עונשים וואס עס קומט די מפקיעי שערים, איבערהויפט ערב א יום טוב. ער האט אויפגעפאדערט אלע רבנים און ארטאדאקסישע ארגאניזא־ציעס צו ווירקן אויף זייערע בעלי בתים וואס זיינען פראדוצירער פון כשר'ע ארטיקלען, זיי זאלן ניט איבערציען די שטריקל און ניט פארטרייבן דעם כשר'ן קאנסומער.

הרב ר' שמואל טורק, רב פון קינגסברידזש סענטער אין די בראנקס און געוו. פרעזידענט פון איגוד הרבנים, האט אנגעוויזן אויף דער אויפגאבע פון בני תורה צו שרייבן חידושי תורה און בייטראגן צו מברר זיין די שאלות וואס זיינען אויפגעקומען מיט'ן וואוקס פון דער מאדערנער טעכנאלאגיע.

א מוסטער פון די פארשיידענע שאלות וואס קומען פאר א רב אויף דער פראווינץ איז געווען די טעמע פון הרב ר' חיים וואסערמאן פון פאסייק, נ. דזש. די אנוועזנדע האבן ניט געגלויבט זייערע אייגענע אויערן, הערנדיג פילע פון די הארצרייסנדע טאג־טעגליכע שאלות פון יונגע בעלי תשובה.

הרב ר' יהושע העכט, רב פון סיוויק סענטער שערי צדק שוהל אין מאנהעטן, איז ארויסגעטראטן מיט א טיפזיניגן פלפול איבער די דינים פון כתיבת ספר תורה. ער האט אויך פארגעשלאגן אז ש... זאלן מגיה זיין זייערע אלטע ... תורה, ווי אויך איינארד... ספעציעלע אקציעס אויף אי... קוקן תפילין און מזוזות.

הרב העכט האט אויך ... דאנקט אלע אנוועזנדע פא... גוטע וואונשן פאר א ר... שלימה צו זיין פאטער, ... פרעזידענט פון איגוד הרבני... אויך איבערגעגעבן א באגר... אין זיין נאמען.

א באריכט פון די אקטיווי... פון דער 'כשר קאנסומערס י... ביים איגוד הרבנים איז איבע... געבן געווארן פון הרב ש... אייזנער, עקזעקוטיוו וויס פ... דענט פון איגוד, וועלכער ... צווישן אנדערעס אונטערשט... דעם קאנטאקט וואס איז אי... שטעלט געווארן מיט א ג... רייהע כשר־פאבריקאנטן ... וועלכע פילע האבן שוין צוגע... ניט צו העכערן די פרייזן ערב ... קומענדן פסח.

דער כינוס האט אויך אנ... מען א באשלוס צו באקעמפ... נייעסטן פארזוך אין ניו יא... סיטי קאונסיל צוגונסטן א בי... גלייכע רעכט צו האמאסעק... ליסטן, בעסער באקאנט ווי ... 'געי ראיטס ביל'.

ביים שלוס פון כינוס איז ... געמאלדן געווארן אז זונטא... אדר, מערץ דעם 6־טן, ... אפגעהאלטן ווערן די יע... 'שואלין ודורשין' סעסיע, ג... מעט צו פסח שאלות להלכ...

## מיליטער־דינסט אין ישראל וועט ניט פארקירצט ווערן

ירושלים: די מיליטער־דינסט אין ישראל קאָן ניט פארקירצט ווערן. — האָט דאָ דערקלערט דער הויפט פון גענעראל־שטאב, גענעראל רפאל איתן אין א רעדע פאר א גרופע תלמידים פון מיטל־שולן.

די ישראל־ארמיי מוז זיין שטארק און דארף ווערן כסדר שטארקער ווייל די אידישע מדינה איז ווייטער ארומגערינגלט מיט שונאים און דארף זיין גרייט צו קאָנען אָפשטויסן אגרעסיעס. — האָט באטאָנט דער הויפט פון גענעראל־שטאב, גענעראל רפאל איתן.

## פרשת שקלים או... עזרת תורה

מיד געפינען אין דער תורה, אז ווען משה רבנו האט געבויט דעם משכן שטייט אין פ' ויקהל „קחו מאתכם תרומה לה' כל נדיב לבו יביאה את תרומת ה' וכו'". זאגען מפרשים, אז משה רבנו האט געהייסען ממנה זיין גבאים, און יעדער איינער זאל ברענגען זיין נדבה אליין בנדיבות לב, מ'זאל נישט נעמען בזרוע און נישט גיין איבער די הייזער, ...

די פוסטריט פון זייערע ע... און נאך מערער, ווייל זייער... אין פרנסה איז א בעסערע... אנדערע ווייסען נישט, אדע... לען נישט וויסען אז' עס ... טאקע א חוב קדוש אויף ד... בים און ראשי ישיבות צו ... שפרייטען דעם געדאנק פ... רת תורה, באזונדערס ביי ... יעצטיקען מאמענט, ווען די... פון אחינו בני ישראה אין א...